# דבר מלכות

## מכתבים כלליים

## לר״ה ה׳תשנ״ב

•


מאת

כבוד קדושת

**אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש



יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ושמונים לבריאה

הי׳ **תהא שנת פדות**

שבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א


**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**א) מכתב ח״י אלול ה׳תנש״א** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3
יום הולדת שני המאורות הגדולים — הבעש״ט ואדמו״ר הזקן — מוסיף חיות בעבודת אלול — אני לדודי ודודי לי, ע״י ההכרה בחסדי ה׳ המהווה את העולם בכל רגע; וקשור עם מצוות ביכורים שבפ׳ השבוע, שענינה הכרת חסדי ה׳

**ב) מכתב כ״א אלול ה׳תנש״א** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 9
המשך: הביטוי דהכרת הטובה לה׳ הוא ע״י נתינת הטוב והיפה לשם השם; ובעבודת האדם — ישראל דומים לביכורים ויש לעשות הכל לשם ה׳, ומתוך שמחה כהבאת ביכורים; קשור עם עבודת אלול — אני לדודי ודודי לי

**ג) מברק לראש השנה** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 15

נסדר לדפוס ע״י הת׳ שלום דובער בן חנה והת׳ מנחם מענדל הלוי בן נחמה דינה פייגא

**נוסח המברק שהואיל כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**
**לשלוח לאנ״ש שי׳ בכל מרחבי תבל**
**לקראת ראש השנה, ה׳תשנ״ב**

לשנה טובה תכתבו ותחתמו.

/מקום החתימה/

**לזכות**

# כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**מהרה יגלה אכי״ר**

יה״ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק׳
ויבנה ביהמ״ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי״ד ממ״ש!

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!**

דעם סגולה־חודש אלול, פון דעם סגולה־יאָר „הי' תהא שנת אראנו נפלאות" – אין דער פולסטער מאָס,

און מען זאָל גלייך זוכה זיין צו „תבוא אל הארץ אשר ה' אלקיך נותן לך וירשתה וישבת בה", ביז אַז יעדער איד באַזעצט גלייך זיין אייגענעם חלק אין ארץ ישראל,

און ברענגט גלייך ביכורים בפשטות, ובשמחה גדולה, אין דעם בית המקדש השלישי, וואָס וועט געבויט ווערן דורך דעם אויבערשטן אַליין, מקדש אדנ־י כוננו ידיך, ומעשה ידינו כוננהו,

אין דער גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, תיכף ומיד ממש.

בכבוד ובברכת כתיבה וחתימה טובה
לשנה טובה ומתוקה



דעם סגולה־חודש אלול: **שבו הוא זמן התגלות י"ג מדות הרחמים – לקו"ת ד"ה הנ"ל שם (לב, א־ב). ד"ה זה הב' ס"א (לג, א). שם ד"ה ושמתי כדכד הא' ס"א (כד, ד). מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"ב ס"ע תכב ואילך, ובהנסמן שם בהערה ד"ה הנזכר בספרי הקבלה.**

הי' תהא שנת אראנו נפלאות: **ראה בארוכה מכתבים כלליים לחג הפסח שנה זו*.**

בית המקדש השלישי, וואָס וועט געבויט ווערן דורך דעם אויבערשטן אַליין: **פרש"י ותוס' סוכה מא, סע"א. תוד"ה אין – שבועות טו, ריש ע"ב. זהר ח"א כח, א. ח"ג רכא, א. תקו"ז תיקון ח. פרש"י עה"פ מקדש אדנ־י כוננו ידיך.**

מקדש אדנ־י כוננו ידיך: **בשלח טו, יז.**

ומעשה ידינו כוננהו: **תהלים צדי"ק, יז (טו"ב). ובמדרש תהלים עה"פ: לעתיד לבוא אני אבנה אותו ומשרה שכינתי בתוכו ואינו חרב לעולם.**

*) נדפסו בסה"ש תנש"א ח"ב ע' 883 ואילך. **המו"ל.**



ב"ה, יום ד' פ' תבוא אל הארץ גו',
ח"י אלול, ה'תנש"א
ברוקלין, נ.י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

ח"י אלול איז, ווי באַוואוסט, דער געבורטסטאָג פון די שני המאורות הגדולים (די צוויי גרויסע ליכט־קוואַלן), גדולי ישראל אין זייערע דורות און אין די נאָכקומענדיקע דורות – דער בעל־שם־טוב, מייסד תורת החסידות הכללית (אין יאָר נח"ת), און דער אַלטער רבי, מייסד תורת חסידות חב"ד, בעל התניא והשולחן־ערוך (אין יאָר קה"ת).

און דאָס ווערט נאָך מער אונטערשטראָכן לויט דער קביעות פון הייַנטיקן יאָר, ווען ח"י אלול קומט־אויס מיטוואָך, דער פערטער טאָג פון מעשה־בראשית, אין וועלכן די „שני המאורות הגדולים" (די זון און די לבנה) האָבן אָנגעהויבן שיינען און באַלייכטן די ערד.

פ' תבוא: **ראה מכתב עש"ק ח"י אלול ה'תשד"מ הערה ד"ה זה (לקו"ש חכ"ד ע' 641). לקו"ש (חל"ד) תבוא תשמ"ז הערה 1.**

פ' תבוא . . ח"י אלול: **להעיר מתורות הבעש"ט בפסוקי ריש פרשת תבוא שנאמרו בש"פ תבוא ח"י אלול תרנ"ב („היום יום" ח"י אלול. כתר שם טוב (הוצאת קה"ת) הוספות סי' ג. ספר השיחות תרצ"ז ע' 207). וראה סה"ש תשמ"ז – שיחת ש"פ תבוא, ח"י אלול. הנסמן במכתב ח"י אלול ה'תשמ"ה הערה ד"ה זה (לקו"ש חכ"ט ע' 515).**

ח"י אלול . . דער געבורטסטאָג פון די שני המאורות הגדולים: **שיחת ח"י אלול ה'תש"ג (ספר השיחות ה'תש"ג ע' 141 ואילך). וראה לקו"ש חכ"ד שיחה לח"י אלול (ע' 178 ואילך), ובהנסמן שם. וראה הנסמן במכתב ח"י אלול ה'תש"נ הערה ד"ה ח"י אלול, דער געבורטסטאָג (סה"ש תנש"א ח"ב ע' 859).**

בעל־שם־טוב: **ראה לקו"ש ח"ח ע' 27 הערה 42, ובשוה"ג שם.**

אין יאָר נח"ת: **ראה לקו"ד כרך א לא, א ואילך. שיחת ח"י אלול וכ' אלול ה'תש"ג הנ"ל (ספר השיחות שם ע' 146. שם ע' 188).**

בעל התניא והשולחן־ערוך: **ראה לקו"ש ח"ו ע' 36 ואילך, ובהערה 14 שם.**

אין יאָר קה"ת: **ראה שיחת כ' אלול הנ"ל (ספר השיחות שם ע' 188).**

ח"י אלול . . מיטוואָך . . „שני המאורות הגדולים": **ראה שיחת ח"י אלול ה'תש"ה סי"ד (לקו"ד כרך ג תפ, סע"ב. ספר השיחות ה'תש"ה ע' 129), שבח"י אלול תק"ה (שאז נולד רבינו הזקן) – שהקביעות דח"י אלול אז היתה ביום הרביעי – אמר הבעש"ט לתלמידיו, אשר „ביום הרביעי וואָס בו נתלו המאורות, איז אין דעם יום הרביעי פון קומי אורי (הפטרת ש"פ תבוא – ישעי' ס, א) אַראָפּגעקומען אַ נשמה חדשה וועלכע וועט באַלייכטן די וועלט אין תורה הנגלית והחסידות".**

מיטוואָך . . „שני המאורות הגדולים" . . אָנגעהויבן שיינען: **בראשית א, טז ואילך.**

„שני המאורות הגדולים" (די זון און די לבנה): **וגם הכוכבים. אשר כאו"א מבנ"י דוגמתם (ראה שמו"ר פט"ו, כו. במדב"ר פ"ב, יג. ועוד). ובעבודה: המאור הגדול – תושב"כ, המאור הקטן – תושבע"פ, והכוכבים – מצוות (ראה של"ה טז, סע"א. קצא, רע"א (הובא באוה"ת בראשית לו, סע"ב. נ"ך כרך א ע' ריז. ועוד). ד"ה לסוסתי תקס"ד (לקו"ת שה"ש יא, ד. סה"מ תקס"ד ע' ג. שם ע' רמט ואילך. מאמרי אדמו"ר האמצעי דרושי חתונה ח"א ע' כט ואילך). לקו"ש ח"ל ע' 10 ואילך.**

פון די הויפּט־נקודות אין תורת הבעל־שם־טוב (און וואָס ווערט אויספירלעך ערקלערט אין תורת חסידות חב"ד) איז דער ענין פון השגחה־פּרטית, אַז יעדע זאַך וואָס פּאַסירט אין דער וועלט, ניט בלויז בשייכות צום מין המדבר (מענטשן), נאָר אויך בנוגע בעלי חיים, און אפילו צומח און דומם — איז ניט צופעליק ח"ו, נאָר מיט אַ כוונה פון דעם בורא עולם ומנהיגו. און אַוודאי איז עס אַזוי באַ יעדער פּאַסירונג וואָס איז פאַרבונדן מיט אידן, ובפרט מיט צדיקים און נשיאי ישראל, וואָס בנוגע זיי איז די השגחה עליונה אין אַן אופן מיוחד און יעדער פרט אין זייערע פּאַסירונגען האָט אין זיך אַ ספּעציעלע כוונה.

דערפון פאַרשטייט מען, אַז וויבאַלד דער געבורטסטאָג פון די „שני המאורות הגדולים" איז געווען אין חודש אלול, איז עס אַ באַווייז אויף זייער ספּעציעלער פאַרבינדונג מיטן אַלגעמיינעם אינהאַלט פון דעם חודש — די צייט פון חשבון הנפש פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר און פון צוגרייטונג צום נייעם יאָר הבא עלינו לטובה.

דער ענין ווערט אַרויסגעבראַכט און באַלויכטן אין דעם „פּתגם" פון חסידים, איבערגעגעבן פון דעם רבי'ן דעם שווער, אַז „ח"י אלול איז דער טאָג וואָס ברענגט אַ לעבן אין אלול . . ח"י אלול גיט אַ חיות אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי".

אויך איז באַוואוסט, אַז אין צוגאָב צו דעם וואָס דער גאַנצער חודש אלול איז אַ זמן פון חשבון הנפש פון פאַרגייענדען יאָר און הכנה צום נייעם יאָר, זיינען די לעצטע צוועלף טעג פון חודש אלול, אָנהויבנדיק פון ח"י אלול, אויסגעטיילט דערמיט וואָס

פון די הויפּט־נקודות אין תורת הבעל־שם־טוב . . השגחה־פּרטית: ראה בארוכה כתר שם טוב הוספות סי' קיט ואילך. וש"נ. קונטרס השגחה פרטית (לקו"ש ח"ח ע' 277 ואילך).

דער ענין פון השגחה־פּרטית: וידועה ראיית אדה"ז מחולין (סג, א) משלך. וראה לקו"ש ח"ז ע' 63. ח"ל ע' 50־149.

ניט בלויז בשייכות צום מין המדבר (מענטשן): דבזה כו"ע מודים (גם לולא חידוש הבעש"ט) — ראה קונטרס הנ"ל (לקו"ש ח"ח ע' 278 ואילך).

און אַוודאי . . יעדער פּאַסירונג . . פאַרבונדן מיט אידן: ראה לקו"ד כרך א פד, סע"א ואילך (נעתק בכתר שם טוב סי' קכ): די השגחה פרטית וואָס על עם קרובו ית' דאָס קען מען גאָר ניט אויסמאָלן . . דאָס וואָס עס איז נוגע אַ איז אַ אידן הוא בהשגחה פרטית וואָס מען קען דאָס ניט פאַרשטיין. וראה לקו"ש ח"ל ע' 149 ואילך.

ובפרט מיט צדיקים . . השגחה עליונה אין אַן אופן מיוחד: כמ"ש (תהלים לג, יח. לד, טז) עין ה' אל יראיו, עיני ה' אל צדיקים. וראה זח"ג (אד"ר) קל, א. וראה פרטי הדרגות בתו"א וירא (טו, ב). לקו"ת ראה סד"ה כי תשמע (ובקיצורים שם). וראה גם אוה"ת וירא ד"ה אשר יאמר היום. ועוד.

חודש אלול . . חשבון־הנפש: ראה סה"מ תרצ"ו ס"ע 141 ואילך. תרח"ץ ס"ע סו. סה"מ אידיש ע' 75. שם ע' 129. ובכ"מ. וראה סה"מ מלוקט ח"ג ע' כ, ובהנסמן שם הערה 65.

דעם „פּתגם": שיחת ח"י אלול ה'תש"ה ס"א (לקו"ד כרך ג ע' 946. ספר השיחות ה'תש"ה ע' 122). נת' בלקו"ש חי"ט שיחה לח"י אלול (ע' 250 ואילך). חכ"ט שיחה לח"י אלול (ע' 161 ואילך).

אני לדודי ודודי לי: (שה"ש ו, ג) ר"ת אלול — אבודרהם סדר תפלת ר"ה ופירושה פ"א. פע"ח שער כד (שער ר"ה) פ"א. שער הפסוקים להאריז"ל עה"פ. ב"ח לטור או"ח הל' ר"ה סתקפ"א (ד"ה והעבירו). הנסמן בסה"מ מלוקט ח"ב ע' פב הערה 67.

באַוואוסט . . יום לחודש: שיחת ח"י אלול ה'תש"ג הנ"ל (ספר השיחות ה'תש"ג ע' 177. שם ע' 179).





ביכורים אַליין גענומען זיין „סל", ביכורים־קאָרב אויף זיין אַקסל און געלויבט דעם אויבערשטן — ואומרין הללוי' הללו א־ל בקדשו וכו' עד כל הנשמה תהלל י־ה הללוי', און גאָר באַזונדערס איז די שמחה געווען גרויס ביים קומען אין בית המקדש, נאָכן אַוועקלייגן די ביכורים לפני מזבח ה' אלקיך, וואָס דעמאָלט איז וענית ואמרת — האָט ער געזאָגט הויך, קלאָר און מיט גרויס פרייד די פרשה פון ביכורים.

* * *

דאָס אויבן־געזאָגטע גיט צו אַ פאַרשטאַרקטן חיות און שמחה אין דער ספּעציעלער עבודה פון אַ אידן במשך דעם חודש אלול — די צייט פון חשבון הנפש אויפן פריערדיקן יאָר און צוגרייטונג צום קומענדיקן יאָר, הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה ולברכה — ווען יעדער איד פילט זיך נאָענט צום אויבערשטן, אני לדודי ודודי לי; און ווי דער באַוואוסטער משל פון אַלטן רבי'ן, אַז אין חודש אלול איז דער אויבערשטער פירט זיך דאַן מיט אידן אויפן שטייגער ווי אַ מלך וואָס גייט אַרויס „אין פעלד" און איז דאָרט מקבל פנים יעדן איינעם בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם.

ווען אַ איד פילט אָט־די נאָענטקייט פון השי"ת, רופט עס ביי אים אַרויס אַ צווייענדיקע התעוררות אין האַרצן — פון איין זייט אַ גרעסערע אָנשטרענגונג אין זיין חשבון הנפש און הכנה, דורך פאַרבעסערן זיך און אויפהויבן זיך אין יעדן און אין אַלע פרטים פון עבודת השם — תורה, עבודה און גמילות חסדים, ווי ס'איז צוגעפּאַסט פאַר דער אויפפירונג פון איינעם וואָס געפינט זיך אין אַזאַ אויסנאַמס נאָענטקייט צו מלך מלכי המלכים הקב"ה; און צוזאַמען דערמיט, אַ טיפער אהבה־געפיל צום אויבערשטן (ווי אויסגעדריקט אין די ווערטער „אני לדודי"), ביים דערהערן און דערפילן די גרויסע און וואַרעמע „הארת פנים" פון דעם אויבערשטן צו יעדן אידן.

* * *

ויהי רצון, אַז יעדער איינער און איינע זאָל אויסניצן די לעצטע סגולה־טעג פון

ואומרין . . הללוי': רמב"ם שם פ"ד הי"ז, מירושלמי שם פ"ג ה"ב.

הללוי' הללו א־ל בקדשו וכו': תהלים מזמור קנ. וראה ביאורו: פרדס שער ב רפ"ג ורפ"ה. ועוד. אוה"ת לתהלים (יהל אור) ע' תקפח ואילך. וש"נ.

וענית ואמרת: תבוא כו, ה. וראה לקוטי לוי יצחק לנ"ך ע' רמד.

אני לדודי ודודי לי: שה"ש ו, ג. — ר"ת אלול (נסמן במכתב ח"י אלול ש.ז. הערה ד"ה זה (לעיל [סה"ש תשנ"ב ח"ב] ע' 516)).

דער באַוואוסטער משל פון אַלטן רבי'ן: לקו"ת פ' ראה ד"ה אני לדודי הא' ס"א (לב, ב). וראה ד"ה אני לדודי תשמ"ו (סה"מ מלוקט ח"א ע' תסז ואילך), השייכות דמאמר זה (שבלקו"ת) לפרשת ראה והרמז לדף לב.

תורה, עבודה און גמילות חסדים: שלושת העמודים שעליהם העולם עומד וקיים — אבות פ"א מ"ב. שם מי"ח. וראה ד"ה על שלשה דברים העולם עומד שנאמר ב„חנוכת ביהכנ"ס, כ"א אלול, ש"ת" (נדפס בסה"מ ה'ש"ת ע' 160 ואילך). ד"ה זה בסה"מ מלוקט ח"ד ע' שפג ואילך.

וועלט־זאַכן פון פרנסה וכדומה — וויבאַלד זיי זיינען דאָך דברי הרשות פון אַ אידן, געהערן אויך זיי צום ענין פון ביכורים, ובמילא דאַרפן זיי זיין דורכגענומען מיט דער פולסטער און העכסטער מאָס דערהויבנקייט און הייליקייט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ זאַך וואָס ווערט געטאָן לפני ה׳ אלקיך.

און אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן אַן איינציקע מחשבה, אַ דיבור אָדער אַ מעשה, וואָס זעט אויס מינדערווערטיק אין פאַרגלייך צו אַנדערע זיינע מחשבות, דיבורים און מעשים — אָבער ביים אַריינטראַכטן זיך ווי געהעריק, אַז אויך די מחשבה, דבור אָדער מעשה איז אַ טייל פון „ביכורים", וואָס ווערט געבראַכט אין בית המקדש, לפני ה׳ אלקיך — און דער כהן אשר יהי׳ בימים ההם גיט אַכטונג אויף זיין יעדער תנועה — וועט ער געוויס זיך באַמיען און אָנשטרענגען אַז יעדער מינדסטע זאַך, יעדער איינצלנער פרט פון זיין הנהגה, זאָל געטאָן ווערן מיט דער פולסטער אויפמערקזאַמקייט און אָפּגעהיטנקייט.

אַזוי ווי מיר געפינען עס ביי דער מצוה פון ביכורים אין פשטות, אַז דאָס ברענגען די ביכורים ווערט דורכגעפירט מיט גרויס צוגעטראָגנקייט און אויפמערקזאַמקייט ביי יעדן פרט: גלייך ביים אָנהויב, ביים אָפּשיידן די ביכורים, איז אדם יורד לתוך שדהו ורואה תאנה שבכרה כורך עלי׳ גמי לסימן ואומר הרי זו בכורים; דערנאָך נעמט ער צוזאַמען די פירות, פירט זיי אַליין דעם גאַנצן וועג, ביז ער ברענגט זיי אין באַצירטע קאָרבן כו׳ קיין ירושלים אין בית המקדש, מיטן גאַנצן פיל־פרטימדיקן סדר פון הבאת ביכורים, ווי געשילדערט אויספירלעך דורך חז"ל.

און צוזאַמען מיטן געפיל פון גרויסער אחריות, און זהירות פון אידן אין יעדן פרט פון זיין „ביכורים"־הנהגה, ווערט ער דורכגענומען מיט דער געוואַלדיקער שמחה פון דעם גרויסן גליק וואָס ער האָט זוכה געווען בהשגחה פרטית צו זיין דעם אויבערשטנ׳ס „ביכורים" און קענען „ברענגען" זיך מיט אַלע זיינע מחשבות דיבורים און מעשים און זיי אַוועקגעבן צו דעם אויבערשטן,

און אַזוי געפינען מיר אין דעם גרויסן פייערלכען סדר פון הבאת ביכורים אין פשטות, ביז אַז במשך דעם גאַנצן וועג גייענדיק קיין ירושלים קורין שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך, און קומענדיק אין ירושלים און הר הבית, האָט יעדער ברייינגער פון

---

דברי הרשות . . דורכגענומען מיט . . הייליקייט: **ראה גם מכתב עש"ק ח"י אלול תשמ"ג (לקו"ש חכ"ד ע׳ 622 ואילך). וש"נ.**

כהן אשר יהי׳ בימים ההם: **תבוא כו, ג.**

אדם יורד לתוך שדהו כו׳: **פרש"י עה"פ תבוא כו, ב. מביכורים פ"ג מ"א. תוספתא ביכורים פ"ב ה"ז. פרש"י עה"פ משפטים כג, יט. רמב"ם הל׳ ביכורים פ"ב הי"ט.**

ער . . פירט זיי אַליין: **ד„המפריש ביכוריו להעלותם בידו לירושלים, לא ישלחם ביד שליח" — רמב"ם שם פ"ב הכ"א, מירושלמי ביכורים פ"א ה"ה. וראה להלן בפנים, ובהנסמן שם הערה ד"ה קומענדיק.**

ווי געשילדערט אויספירלעך דורך חז"ל: **ביכורים פ"ג. רמב"ם שם פ"ג הי"ב ואילך. פ"ד הט"ז ואילך.**

קורין . . נלך: **רמב"ם שם פ"ד הט"ז, מירושלמי שם פ"ג ה"ב.**

שמחתי . . נלך: **תהלים קכב, א.**

קומענדיק אין ירושלים . . האָט יעדער ברייינגער . . אַליין גענומען זיין „סל" . . אויף זיין אַקסל: **ביכורים פ"ג מ"ד. תוספתא ביכורים פ"ב ה"ח. רמב"ם שם פ"ג הי"ב. פ"ד הי"ז.**





יעדער פון די צוועלף טעג איז פאַרבונדן מיט איינעם פון די צוועלף חדשים פונעם יאָר — יום לחודש — און ח"י אלול, דער ערשטער פון די צוועלף טעג, איז אַנטקעגן דעם ערשטן פון די צוועלף חדשים, דעם חודש תשרי. אַזוי אַרום פאַרבינדט דער טאָג פון ח"י אלול דעם ראש־השנה פון פאָריקן יאָר מיטן ראש־השנה פון נייעם יאָר.

* * *

ראש השנה באַנייט דער אויבערשטער דעם חיות און קיום פון גאַנצן באַשאַף. יעדן יאָר אין דעם זמן קומט אַראָפּ פון־דאָס־ניי אַ ג־טלעכער חיות צו באַלעבן די גאַנצע בריאה במשך דעם קומענדיקן יאָר (ביז דעם ראש השנה פון נעקסטן יאָר). דערפאַר ווערט דער טאָג אָנגערופן „ראש השנה" (דער „קאָפּ" פון יאָר) — און ניט „תחילת השנה" — ווייל פונקט ווי מיר זעען אין לעבן פון אַ מענטשן, אַז דער קאָפּ איז דער מקור וואָס פון אים ווערט פאַנאַנדערגעשפּרייט דער חיות הנפש אין גאַנצן קערפּער, פון „קאָפּ" צו יעדן אבר — אַזוי איז אויך „ראש השנה" דער „קאָפּ", דער מקור פון באַנייטן חיות אויפן גאַנצן יאָר, און פון ראש השנה ווערט דער חיות פאַנאַנדערגעטיילט צו יעדן טאָג פון יאָר.

און דאָס איז דער באַדייט פון דעם דין ומשפט פון ראש השנה, וואָס איז דער יום הדין ניט נאָר פאַר דעם עם ישראל, נאָר אויך פאַר אַלע פעלקער און באַשעפענישן: ווי מיר זאָגן אין די תפלות פון ראש־השנה: „ועל המדינות בו יאמר", „זכר כל היצור לפניך בא", „וכל באי עולם יעברון לפניך". וואָרום דער משפט באַציט זיך צו דער אַלגעמיינער באַנייאונג פון דעם ג־טלעכן חיות פון דער גאַנצער בריאה בכלל און פון יעדער באַשעפעניש בפרט.

און דער באַוואוסטזיין, אַז דער דין ומשפט נעמט אַרום דעם חיות און קיום פונעם מענטשלעכן וועזן בפרט און פון דער גאַנצער וועלט בכלל, דאַרף דורכדרינגען דעם חשבון־הנפש פון אַ אידן אין די צוגרייטונגס־טעג פון חודש אלול. און דעמאָלט ברענגט עס אים צו דער פולשטענדיקער איבערגעגעבנקייט צום אויבערשטן, ווי דאָס ווערט אויסגעדריקט אין די ראשי־תיבות פון „אלול" — אני לדודי ודודי לי, אַז אַ איד גיט איבער זיין „אני", זיין גאַנצן וועזן און פאַראַנענקייט, צום אויבערשטן, און דאָס רופט

---

חודש תשרי: **אשר התחלתו וראשו הוא יום ראש־השנה.**

יעדן יאָר . . קומט אַראָפּ פון־דאָס־ניי אַ ג־טלעכער חיות: **ראה גם תניא אגה"ק סי"ד.**

דערפאַר ווערט דער טאָג אָנגערופן „ראש השנה": **ראה לקו"ת תבוא מא, ג. נצבים מז, א־ב. דרושים לר"ה נח, א־ב. עטרת ראש שער ר"ה בתחילתו. אוה"ת דרושים לר"ה כרך ה ע׳ ב׳עז ואילך. המשך וככה תרל"ז ע׳ קכח. ובכ"מ.**

און ניט „תחילת השנה": **כמו שאומרים בתפלת מוסף דר"ה (מר"ה כז, א) „זה היום תחלת מעשיך". וראה המשך תרס"ו ע׳ טז. שם ע׳ כ. ובכ"מ.**

ועל המדינות בו יאמר: **תפלת מוסף דר"ה („אתה זוכר"), מירושלמי ר"ה פ"א ה"ג. ויק"ר רפכ"ט. יל"ש עה"פ (פנחס כט, א) ובחודש השביעי (רמז תשפב).**

זכר כל היצור לפניך בא: **תפלת מוסף דר"ה (שם).**

וכל באי עולם יעברון לפניך: **פיוט „ונתנה תוקף" בתפלת מוסף דר"ה ויוהכ"פ, מר"ה יח, א. ירושלמי ר"ה שם.**

אַרויס דעם „ודודי לי", אַז דער אויבערשטער ווייזט אַרויס זיין אהבה צום אידן, און איז אים משפיע חיות, בבני חיי ומזוני רוויחי, ובכולם רוויחי, אַ כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה.

* * *

אין דעם אַלעם קומט צו אַ באַליכטונג און אַ באַלעבונג פון דעם טאָג פון ח"י אלול, דער יום הולדת פון די „שני המאורות הגדולים", וועלכער „גיט אַ חיות אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי".

ס'איז איינער פון די יסודות פון תורת הבעל־שם־טוב — אויספירלעך ערקלערט דורך דעם אַלטן רבי'ן — אַז דער באַשאַף פון דער גאַנצער וועלט, „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", איז ניט געווען אין אַן איינמאָליקן אופן אין די ששת ימי בראשית, נאָר די באַשאַפונג פון דער גאַנצער בריאה ווערט באַנייט בכל יום ויום, און נאָכמער — בכל רגע ורגע. און דאָס ווייזט אויף דעם אומבאַגרענעצטן חסד פון דעם אויבערשטן: ניט נאָר איז ער ב"ה „זן את העולם כולו בטובו בחן ובחסד וברחמים", נאָר נאָכמער, ער באַשאַפט נאָכאַנאַנד די וועלט מיט אַלע אירע צאָלרייכע באַשעפענישן.

אָט דער נאָכאַנאַנדיקער באַשאַף פון דער בריאה דורכן אויבערשטן אַליין איז, צווישן אַנדערע טעמים, אויך דערפאַר, ווייל אָט די שטענדיקע השפעה פון בורא צום נברא ווירקט און ברענגט דעם נברא צו דער טיפער אַנערקענונג און געפיל, אַז אַלץ און אַלע זיינען אינגאַנצן אָפּהענגיק אין דעם שטענדיקן חסד פון דעם אויבערשטן, און דאָס ווידער ברענגט אים אויך צו שטענדיקער און פולקאָמער איבערגעגעבנקייט צום בורא עולם, ער זאָל דורכפירן דעם אויבערשטנ'ס רצון און כוונה און אין דער פולער מאָס.

און דאָס איז דער ענגער פאַרבונד צווישן ח"י אלול, אַלס יום הולדת פון די „שני המאורות הגדולים", מיטן חשבון־הנפש און דער ספּעציעלער הכנה צו ראש השנה וואָס הויבט זיך אָן פון ח"י אלול: דורך אַריינטראַכטן זיך גוט אין דעם וואָס די „שני המאורות הגדולים" לערנען אונז, קומט־צו אַ גרויסע ליכטיקייט און לעבעדיקייט אין דער עבודה פון „אני לדודי ודודי לי" — די פנימיות'דיקע איבערגעגעבנקייט פון דעם אידן („אני") צום אויבערשטן („דודי"), און פון אויבערשטן („דודי") צום אידן („לי").

* * *

---

כתיבה וחתימה טובה: ראה לקוטי לוי יצחק אגרות־קודש ע' רי: אם שבפרט הכתיבה היא בר"ה והחתימה ביוהכ"פ כו', אך בכלל הן הכתיבה והן החתימה נעשית בר"ה, וכמא' (ר"ה טז, סע"ב) צד"ג [ועמך כולם צדיקים – ישעי' ס, כא (הפטרת ש"פ תבוא)] נכתבין ונחתמין לאלתר לחיים כו'. וראה שיחת ז' תשרי ה'תנש"א (סה"ש ח"א ע' 37) הערה 76. הערות למכתב ח"י אלול ה'תשמ"ו בסופו (לקו"ש חכ"ט ע' 533). וש"נ.

לשנה טובה ומתוקה: ראה בהנסמן במכתב ח"י אלול ה'תשמ"ח הערה ד"ה זה (ספר השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 763).

אויספירלעך ערקלערט דורך דעם אַלטן רבי'ן: בשער היחוד והאמונה בתחלתו.

בראשית . . הארץ: בראשית א, א.

זן את העולם . . וברחמים: נוסח ברכה ראשונה דברכת המזון.





ווי באַוואוסט, ווערן אידן אָנגערופן „ביכורים", כביכורה בתאנה בראשיתה ראיתי אבותיכם, ווייל זיי זיינען די „ראשית" פון וועלט — פריער און העכער פון אַלץ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן — מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר; וואָרום אידן זיינען דער תכלית פון דער גאַנצער בריאה, ווי חז"ל זאָגן אויפן פסוק „בראשית ברא אלקים", אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב אידן וועלכע ווערן אָנגערופן „ראשית". און דאָס באַציט זיך צו יעדן איינצלנעם איד, צו אנשים נשים וטף, ווי חז"ל זאָגן כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם (יעדער איד דאַרף זאָגן אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב אים).

כשם ווי ביכורים אין פשטות דאַרפן געבראַכט ווערן אין ירושלים און אַוועקגעלייגט ווערן אין בית המקדש, לפני מזבח ה' אלקיך — אַזוי איז אויך בנוגע אידן: זייענדיק די „ביכורים" פון וועלט, איז דער אמת'ער „אָרט" פון אידן, פון יעדער אידן, לפני ה' אלקיך, אין בית המקדש.

וואָרום די עיקר'דיקע מציאות פון אַ אידן איז זיין ג־טלעכע נשמה, וועלכע איז אַ חלק אלקה ממעל ממש, און דעריבער, איז יעדער איד, אין וועלכן מצב ער זאָל זיך נאָר געפינען, איז ער פאַרבונדן און געבונדן מיט דעם אויבערשטן און דערפאַר דאַרף ער זיך געפינען לפני ה' אלקיך.

און דער געדאַנק דאַרף דורכדרינגען דעם גאַנצן לעבן פון אַ אידן בכלל און אויך בפרט. אַ איד דאַרף פילן ווי יעדער פרט פון זיין לעבן איז אַן ענין פון „ביכורים" צו השם יתברך: ניט נאָר ווען ער איז אַריינגעטאָן אין ג־טלעכע ענינים, די ענינים פון לימוד התורה און קיום המצוות, נאָר אפילו ווען ער איז באַשעפטיקט מיט וואָכעדיקע

---

ווי באַוואוסט, ווערן אידן אָנגערופן „ביכורים": זהר ח"ג רנג, א (ברע"מ). וראה זח"ב קכא, רע"א (ברע"מ). – הובאו ונתבארו באוה"ת פ' תבוא (ע' תתרלג ואילך. שם ע' תתרלט ואילך). סה"מ תרנ"ד ע' רפד ואילך. וראה אסת"ר פ"ט, ב.

אידן . . זיינען די „ראשית" פון וועלט: כמ"ש (ירמי' ב, ג) קדש ישראל לה' ראשית תבואתו. וראה זהר ח"ב וח"ג שם. תדבא"ר פי"ד. ויק"ר פל"ו, ד. תנחומא (באבער) בראשית ג. פרש"י ר"פ בראשית. ד"ה קדש ישראל לה' בלקו"ת פינחס עט, סע"ב ואילך. אוה"ת פינחס ס"ע א'רג ואילך. שם ע' א'ריב ואילך. תבוא שם. סה"מ תר"ל ע' רה ואילך.

כביכורה . . אבותיכם: הושע ט, י.

מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר: ב"ר פ"א, ד.

ווי חז"ל זאַגן . . „ראשית": תנחומא (באבער), ויק"ר ופרש"י שם. וראה או"ת לההמ"מ בתחלתו.

בראשית ברא אלקים: בראשית א, א.

ווי חז"ל זאָגן . . העולם: סנהדרין לז, סע"א במשנה. וראה פירוש המשניות להרמב"ם בהקדמתו ד"ה דע כי הקדמונים חקרו.

לפני מזבח ה' אלקיך: תבוא כו, ד.

די עיקר'דיקע מציאות פון אַ אידן איז זיין ג־טלעכע נשמה: ראה תניא פכ"ט (לו, א). ר"פ לב. שעהיוה"א פ"ו (פ, סע"ב). רדב"ז לרמב"ם הל' ממרים פ"ב ה"ד.

חלק אלקה ממעל ממש: תניא רפ"ב.

מיר זאָגן יעדן טאָג, דריי מאָל: „נודה לך . . על חיינו המסורים בידך . . ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת ערב ובוקר וצהרים״.

נאָך מער: אפילו צווישן די אומות העולם, וועלכע גלויבן און אַנערקענען אַז דער אויבערשטער איז דער בורא עולם ומנהיגו — וואָס אַזוי דאַרף זיין און וועט ענדלעך זיין אין אַ פולקאָמען אופן ווען די וועלט וועט זיין ווי זי דאַרף זיין, ווי מיר בעטן אין די תפילות פון ראש־השנה: וידע כל פעול כי אתה פעלתו ויבין כל יצור כי אתה יצרתו ויאמר כל אשר נשמה באפו ה׳ אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה (יעדע באַשאַפענע זאַך וועט וויסן און פאַרשטיין אַז דו, ג־ט איז זיין באַשעפער, און יעדער איינער וואָס אָטעמט וועט זאָגן: השם דער ג־ט פון ישראל איז דער מלך, און זיין מלכות הערשט איבער דעם גאַנצן באַשאַף) — געפינען מיר די הנהגה צו דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר זייער שפייז אד״ג.

געפינט מען אָבער אין דער מצוה פון ביכורים אַ טיפערן און מער אַרומנעמענדיקן אויסדרוק פון אַנערקענונג און דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטן: דער איד ברענגט אַרויס זיינע דאַנקבאַרשאַפט־געפילן צום אויבערשטן פאַר דער גערעטעניש ניט בלויז בדיבור, נאָר ער דריקט עס אויס אין אַ שטאַרקן אופן אין מעשים — ער נעמט די ערשטע און בעסטע פון זיינע פירות, מראשית כל פרי האדמה, און ברענגט זיי אין בית המקדש, תביא בית ה׳ אלקיך, און לייגט זיי אַוועק פאַרן אויבערשטן, והנחתו לפני ה׳ אלקיך.

און אינעם ברענגען און איבערגעבן דאָס בעסטע און שענסטע צום אויבערשטן שפּיגלט זיך אָפּ די פולע אַנערקענונג אַז לה׳ הארץ ומלואה, אַז אַלץ באַלאַנגט צום אויבערשטן: דער איד באַשרענקט זיך ניט מיט דער הכרה אַז דאָס וואָס ער פאַרמאָגט קומט צו אים בחסדי השם וברכתו ית׳ — נאָר ער באַווייזט מיטן ברענגען די בכורים אַז אויך נאָכן באַקומען די שפע פירות געהערט עס נאָך אַלץ צום בורא עולם, ווייל „לה׳ הארץ ומלואה״ — און דערפאַר ברענגט ער די ראשית כל פרי האדמה (דאָס ערשטע און בעסטע) לפני ה׳ אלקיך, אַז עס בלייבט אין רשות פון אויבערשטן.

* * *

---

זאָגן יעדן טאָג: בתפילת העמידה ברכת מודים.

דריי מאָל: ובשבת (ויוהכ״פ) ארבע (וחמש) פעמים.

אין די תפילות פון ראש־השנה: בתפלת העמידה (בברכת „אלקינו כו׳ מלוך כו׳״).

תביא בית ה׳ אלקיך: משפטים כג, יט. תשא לד, כו.

והנחתו לפני ה׳ אלקיך: תבוא כו, י.

לה׳ הארץ ומלואה: תהלים כד, א.

אויך נאָכן באַקומען די שפע פירות געהערט עס . . צום בורא עולם: וע״ד לשון ס׳ החינוך (מצוה שכח) בנוגע לשנת השמיטה: שיראה ממעשה האדם בכל ענין שנה זו (דשמיטה) כאילו אין דבר מיוחד ברשותו רק שהכל ברשות אדון הכל.





דער אויבנדערמאָנטער ענין — די אַנערקענונג אַז יעדע באַשעפעניש איז שטענדיק אָפּהענגיק אין די חסדי השם — איז אַן עיקר אינהאַלט פון מצות ביכורים, מיט וועלכער אונזער פרשה תבוא אל הארץ הויבט זיך אָן (וואו די מצוה פון ביכורים און הבאת ביכורים ווערט אַרויסגעבראַכט מיט אַן אריכות): מ׳זעט ווי אַ איד ברענגט און גיט אַוועק דעם אויבערשטן מראשית כל פרי האדמה, פון זיינע ערשטע און בעסטע פרוכט־גערעטעניש, און דאַנקט דעם אויבערשטן פאַר די פירות מיט וועלכע דער אויבערשטער האָט אים געבענטשט — און דערביי זאָגט ער הויך און קלאָר און מיט שמחה — „וענית ואמרת״ — זיין הכרה אין „חסדי המקום״ (אין אַלגעמיין), ווי דערמאָנט אויספירלעך אין דער פרשה.

און לויט דער אויבנדערמאָנטער תורה פון בעל־שם־טוב, אַז דער קיום פון אַ באַשאַפענעם ווערט איז אַ שטענדיקער חסד וואָס דער אויבערשטער טוט בכל רגע ורגע מיט יעדן נברא, איז פאַרשטאַנדיק אויף וויפל עס פאָדערט זיך דער שטענדיקער געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטן, אין אַן אַנטפּלעקטן און אָפענעם אופן, סיי בדיבור, און נאָך מער — אין מעשה בפועל, אַז עס זאָל זיין ניכר אין אַלע זיינע מעשים די אָנערקענונג פון חסדי השם, ביז אַז דאָס דערוועקט אויך אַלע אַרומיקע אַז זיי זאָלן דאָס אויך אַנערקענען און זיך אויפפירן אין איינקלאַנג דערמיט.

אייגנטלעך, איז דאָס די ערשטע זאַך וואָס אַ איד טוט באַלד ביי זיין אויפוועקן זיך פון שלאָף יעדן פרימאָרגן דורך זיין אַנערקענען און דערקלערן (בדיבור): מודה אני לפניך . . שהחזרת בי נשמתי, ער דאַנקט דעם אויבערשטן („מודה״) מיט זיין גאַנצן וועזן („אני״ — אַזוי ווי „אני לדודי״) פאַר דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אים אומגעקערט זיין נשמה, זיין לעבן. און דאָס איז דער פונדאַמענט, דער ערשטער אַריינפיר צו זיין עבודת השם, וואָס ווערט פאָרטגעזעצט אין די פאַרשידענע און מערערע ברכות וואָס

---

וואו די מצוה פון ביכורים . . ווערט אַרויסגעבראַכט מיט אַן אריכות: משא״כ בפ׳ משפטים (כג, יט) ובפ׳ תשא (לד, כו) שם נאמר בקיצור.

מראשית כל פרי האדמה: תבוא כו, ב.

זיינע ערשטע: תבוא שם. ביכורים פ״ג מ״א. פרש״י עה״פ משפטים ותבוא שם. רמב״ם הל׳ ביכורים פ״ב הי״ט.

און בעסטע: ביכורים פ״א מ״ג. רמב״ם שם ה״ג.

הויך: פרש״י עה״פ תבוא שם, ה (מסוטה לב, ב).

און מיט שמחה: ספרי ופרש״י עה״פ שם, יא. פסחים לו, ב. רמב״ם שם פ״ד הי״ג. וראה או״ת להה״מ ר״פ תבוא (נו, ג).

וענית ואמרת: תבוא שם, ה.

חסדי המקום: לשון רש״י עה״פ שם.

באַלד ביי זיין אויפוועקן זיך פון שלאָף . . מודה אני: סדר היום בתחילתו — הובא בבאר היטב או״ח ס״א סק״ה. שו״ע אדה״ז או״ח מהדו״ק ס״א ס״ה. מהדו״ב ס״א ס״ו. סידור אדה״ז לפני „מודה אני״.

און דאָס איז דער פונדאַמענט, דער ערשטער אַריינפיר צו זיין עבודת השם . . במשך דעם גאַנצן טאָג: להעיר מכתר שם טוב סי׳ ריב (כז, ג־ד) ע״ד גודל ענין דיבור הראשון בקומו משנתו, ואיך שהוא משפיע על כל היום. סה״מ מלוקט ח״א ע׳ מה־מו. ולהעיר מפתגם כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע, אשר ה„נקודה״ (שאחרי תיבת „בחמלה״) ש„במודה אני״ צריך לפושטה (פאַנאַנדערשפּרייטן) על כל היום כולו — קונטרס ענינה של תורת החסידות ס״ט. וראה ספר השיחות תרצ״ז ע׳ 239.

ער בענטשט און דאַנקט דעם אויבערשטן במשך דעם גאַנצן טאָג, און אַלע טעג, פאַר יעדער טובה און הנאה וואָס ער געניסט.

* * *

ויהי רצון, אַז יעדער איינער און איינע, בתוך כלל ישראל, זאָל אין דעם אַלעם טאָן בכל לב ונפש,

ובפרט שטייענדיק אין די טעג פון אלול, וואָס לויטן מנהג ישראל ווינטשט מען יעדן אידן אַ כתיבה וחתימה טובה; און זיכער איז דער אויבערשטער גלייך מקיים דעם וואונטש, דעם וואונש פון ועמך כולם צדיקים, און גיט גלייך, נאָך אין די טעג פון אלול, די כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, צו יעדן אידן און אַלע אידן, ביז אַז אַ איד זעט שוין אין חודש אלול, און אין אַן אָפּענעם אופן, דעם אָנהויב פון דעם „טוב" און „מתיקות" וואָס דער אויבערשטער האָט אים צוגעטיילט פאַרן נייעם יאָר;

און דאָס גופא ברענגט ביי אים אַרויס, נאָך אין חודש אלול, אַ געפיל פון שמחה, „ושמחת בכל הטוב", און דאָס פאַרשטאַרקט ביי אים נאָכמער זיינע גוטע החלטות אין הכנות צום נייעם יאָר, הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה, אין די אַלע דריי עמודים פון תורה און עבודה און גמילות חסדים;

און מען איז זוכה צו דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטן אויף דער עיקר טובה פון דעם אויבערשטן צו אידן און צו דער גאַנצער וועלט — דער „טוב" פון גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו, נאָך אין דעם סוף יאָר פון „תנש"א מלכותך",

וואָס דעמאָלט וועט מקויים ווערן די תפלה פון דוד המלך (נעים זמירות ישראל): ונרננה ונשמחה בכל ימינו,

יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, ותיכף ומיד ממש.

בכבוד ובברכת כתיבה וחתימה טובה



אין די טעג פון אלול, וואָס לויטן מנהג ישראל ווינטשט מען . . כתיבה וחתימה טובה: **ראה מטה אפרים או"ח הל' ר"ה סתקפ"א ס"ט (מלקוטי מהרי"ל הל' ימים הנוראים): נוהגין כשכותב אדם לחבירו אגרת שלומים מן ר"ח אלול עד יוה"כ רומז לו כו' שהוא מעתיר עליו שיזכה בימי הדין הבאים לטובה להיות נכתב ונחתם בספר חיים טובים. וראה ספר השיחות תשמ"ח ח"ב ע'** 610.

ושמחת בכל הטוב: **תבוא שם, יא.**

דריי עמודים פון תורה און עבודה און גמילות חסדים: **אבות פ"א מ"ב.**

גאולה האמיתית והשלימה: **שאין אחריי' גלות — מכילתא עה"פ בשלח טו, ב (הובאה בתוד"ה ה"ג ונאמר — פסחים קטז, ב). יל"ש ישעי' רמז תצט.**

תנש"א מלכותך: **פיוט „ונתנה תוקף" בתפלת מוסף דר"ה ויוהכ"פ. ובלשון הכתוב בפרשה שבה נתפרש ע"ד ביאת המשיח (בלק כד, ז): תנשא מלכותו. ובפרש"י עה"פ: שיבוא אחריו [אחרי יעקב] דוד ושלמה (דמשיח הוא מזרע דוד ושלמה — סהמ"צ להרמב"ם מל"ת שסב. ועוד).**

נעים זמירות ישראל: **שמואל־ב כג, א. וראה שהש"ר פ"ד, ד (בתחילתה).**

ונרננה ונשמחה בכל ימינו: **תהלים צדי"ק, יד.**



ב"ה, מוצאי ש"ק פ' תבוא אל הארץ,
כ"א אלול,
שבת סליחות, ה'תנש"א,
ברוקלין, נ.י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

קומענדיק פון שבת קודש, ווען מען האָט געלייענט ברבים די סדרה פון „תבוא אל הארץ", וועלכע הויבט זיך אָן מיט מצות ביכורים (מיט מערערע פרטים פון הבאת ביכורים),

איז די פּאַסענדע צייט — לאחרי הפתיחה בברכה, ברכה שהזמן גרמא, ברכת כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה — אָפּצושטעלן זיך אויספירלעכער אויף דעם וואָס איז באַרירט געוואָרן בקיצור אין פאָריקן בריוו וועגן מצות ביכורים, אַז דער אינהאַלט פון הבאת ביכורים איז די אַנערקענונג אַז די ברכה פון דעם אויבערשטן ברענגט אַ אידן די שפע תבואות און פירות אין זיין פעלד, וואָס דערפאַר גיט ער אַוועק דעם אויבערשטן מראשית כל פרי האדמה, פון די ערשטע און בעסטע פרוכטן פון דער פעלד, און דאַנקט דעם אויבערשטן פאַר אַלע זיינע חסדים.

באַ אַ אידן איז דאָ דער שטענדיקער געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטן פאַר זיינע חסדים אין בני חיי ומזוני, און די פרטים און פרטי פרטים אין יעדן פון זיי, ווי

מוצאי ש"ק . . שבת סליחות: **ראה מכתב מוצש"ק כ"ה אלול ה'תשד"מ הערות ד"ה „מוצאי שבת־קודש" וד"ה „מוצאי שבת־קודש . . שבת סליחות" (לקו"ש חכ"ד ע'** 647**).** וש"נ.

כ"א אלול: **יום חנוכת בית הכנסת ובית המדרש המרכזי דליובאַוויטש שבליובאַוויטש („770") בשנת ה'ש"ת. המאמר שנאמר אז — נדפס בסה"מ ה'ש"ת ע'** 160**. השיחה — בספר השיחות ה'ש"ת ע'** 7־176.

סליחות: **פעולת ימי הסליחות לאחרי העבודה בימי אלול הקודמים — ראה כתר שם טוב (הוצאת קה"ת) הוספות סי' יג. וש"נ.**

מערערע פרטים: **עוד פרטים ראה במס' בכורים פ"ג. ברמב"ם הל' ביכורים פ"ג ופ"ד.**

הפתיחה בברכה: **ע"פ פתיחת אגרת הראשונה באגה"ק שבתניא. וראה מכתב עש"ק ח"י אלול ה'תשד"מ הערה ד"ה פותחין בברכה (לקו"ש חכ"ד ע'** 641**). וש"נ.**

אין פאָריקן בריוו: **דיום ד' פ' תבוא אל הארץ גו', ח"י אלול (לעיל [סה"ש תשנ"ב ח"ב] ע'** 515 **ואילך).**

מראשית כל פרי האדמה: **תבוא כו, ב.**

דער שטענדיקער געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטן: **להעיר מב"ר פי"ד, ט: על כל נשימה ונשימה שאדם נושם צריך לקלס לבורא. יל"ש עה"פ (תהלים קנ, ו) כל הנשמה תהלל י"ה (רמז תתפט). וראה לקו"א להה"מ (הוצאת קה"ת) סי' רא (נ, ד). או"ת ע, ד (בהוצאת קה"ת תש"מ ואילך — סי' רל).**